# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בא תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 415



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### 'בא אל פרעה' - נאכן דאווענען

"וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה בֹּא אֶל פַּרְעֹה כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ וְאֶת לֵב עֲבָדָיו לְמַעַן שִׁתִי אֹתֹתַי אֵלֶּה בְּקִרְבּוֹ" (י א)

פון דער לשון הפסוק זעט אויס אז די ווערטער: "כי אני הכבדתי את לבו" איז א טעם אויף די ציווי: "בא אל פרעה". און לכאורה, איז עס דאך פונקט פארקערט, הארט מאכן דאס הארץ פון פרעה איז א סיבה נישט צוקומען צו אים, ווען עס איז נישטא קיין אויסזוכט ער זאל צוהערן זיינע ווערטער?

ערקלערט רבי שלמה קלוגער:

בעפאר די מכות האבן זיך אנגעהויבן האט הקב"ה באפוילן משה'ן (לעיל ח טז): "השכם בבקר והתייצב לפני פרעה" - נאך בעפאר דו דאוונסט, ווייל אויב וואלט ער פריער געדאוונט וואלט אויף אים גערוהט א קדושה עליונה, און ער וואלט זיך נישט געקענט אוועקשטעלן אין א טמא'ענע פלאץ ווי דער הויז פון פרעה הרשע. אבער יעצט, אינמיטן די מכות האט אים הקב"ה באפוילן: "בֹּא אֶל פַּרְעֹה" - אן אויפשטיין פרי, ווייל צוליב די מכות וואס פרעה האט געכאפט איז זיין הארץ אונטערגעגעבן און זיין טומאה איז שוין אפגעשוואכט. אבער, די סיבה אז טראץ דעם שיקט ער נישט ארויס די אידן איז נאר: "כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ".

'חכמת התורה' עמ' יז

### עסן דעם פסח אזוי ווי תפילה

"וְכָכָה תֹּאכְלוּ אֹתוֹ מָתְנֵיכֶם חֲגֻרִים נַעֲלֵיכֶם בְּרַגְלֵיכֶם וּמַקֶּלְכֶם בְּיֶדְכֶם" (יב יא)

לכאורה, דעם קרבן פסח האט מען געגעסן אום חצות, און די אידן זענען נישט ארויס פון מצרים נאר דערנאך וואס איז געווארן טאג (ברכות ט א). אויב אזוי פארוואס איז מען באפוילן געווארן: "וְכָכָה תֹּאכְלוּ אֹתוֹ מָתְנֵיכֶם חֲגֻרִים נַעֲלֵיכֶם בְּרַגְלֵיכֶם וּמַקֶּלְכֶם בְּיֶדְכֶם" - אזוי ווי מענטשן וואס זענען גרייט זיך ארויסלאזן אויפן וועג?

נאר, די חכמים זאגן (שבת י א) אז בשעת'ן דאווענען דארף מען זיך אויפפירן אזוי ווי בשעת'ן עסן דעם קרבן פסח אין מצרים: זיך אנגארטלען, אנטון שיך און האלטן די הענט ווי א מענטש וואס האלט א שטעקן [זעה אין 'מגן אברהם' (או"ח צה ב) אז דער מתפלל זאל האלטן די פינגער 'אגודל' אין דער האנט - ענליך צו איינער וואס האלט א שטעקן].

און מען קען זאגן, אז דאס איז די כוונה פון די תורה ביי די ציווי פון קרבן פסח; עסן דעם קרבן פסח איז אזוי ווי תפילה, ווייל עס ווערט דאך אנגערופן 'עבודה' (לעיל פס' כה), און חז"ל זאגן (ב"ק צב ב) אין 'עבודה' אלא תפילה, און אויך ווייל מען דארף עס זאגן צוזאמען מיט הלל והודאה. דעריבער איז מען באפוילן געווארן זיך צו פירן ביי דעם אזוי ווי ביים דאווענען - "מָתְנֵיכֶם חֲגֻרִים נַעֲלֵיכֶם בְּרַגְלֵיכֶם וּמַקֶּלְכֶם בְּיֶדְכֶם".

'שלשה ספרים נפתחים' [לגר"י מנדלקורן] עמ' ק

### די ציל פון א נס איז כדי מ'זאל אים לויבן

"וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם" (יג ח)

"'בַּעֲבוּר זֶה' - בעבור שאקיים מצוותיו, כגון פסח ומצה ומרור הללו" (רש"י).

פון די ווערטער פון רש"י זעט מען אז די ציל פון יציאת מצרים איז געווען כדי די אידן זאלן מקיים זיין די מצוות, און נישט פארקערט - אז די מצוות זענען צוליב יציאת מצרים. פון דעם האט דער משגיח רבי ירוחם לייבאוויץ זיך ארויס געלערנט אז נישט ווי דער וועלט מיינט בטעות אז א נס ווערט געשיקט צו א מענטש כדי אים ראטעווען פון די צרה, און צוליב דעם נס דארף ער לויבן און דאנקען דעם באשעפער, פארקערט, די גאנצע נס איז נאר כדי דער מענטש זאל לויבן און דאנקען.

דער יסוד טרעפן מיר אויך אין דער נוסח ההודאה ביי די תפילה פון 'בימי מתתיהו' וואס ווערט געזאגט אין די חנוכה טעג: "ולך עשית שם גדול וקדוש בעולמך, ולעמך ישראל עשית תשועה גדולה ופורקן" - ווייל דו האסט געוואלט אז די אידן זאלן איינערקענען דיין גרויסן נאמען און דיך לויבן, דעריבער האסטו געטון די ניסים וואס האבן צוגעברענגט א תשועה גדולה ופורקן, און דורך דעם איז דיין נאמען גרויס געווארן אזוי ווי דיין רצון איז.

'דעת תורה'; 'ילקוט לקח טוב'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### שבת ב"א – א שבת פון אמונה

אין די וואכעדיגע סדרה, פרשת 'בא', איז געשילדערט די גאולה פון די אידן פון שעבוד מצרים, צו דעם האבן זיי זוכה געווען אין זכות פון זייער שטארקע אמונה אין ה' יתברך (מכילתא מס' דויהי בשלח פרשה ו). ס'איז נישט פארהאן מער א פאסיגע שבת ווי דער שבת צו באצייכענען די געוואלדיגע 'ענדערונג איבער אמן' פון 'בני אמונים', וואס איז אויך מרומז אין די ראשי תיבות פון די פרשה - 'ב"א' - 'בני אמונים'.

עס איז שוין פארשפרייט און באקאנט פאר אלעמען די עדות פון דעם פריערדיגן מגיד רבי משה כהנא פון גיביטש אין זיין ספר 'דרך משה' (ליום י"א) אז א חסיד האט געפאסט מ'זאל אים מגלה זיין מן השמים די סיבה פארוואס די גאולה האלט זיך אפ, און עס איז אים נתגלה געווארן אין חלום אז די גאולה פארזוימט זיך ווייל מ'איז נישט מקפיד צו ענטפערן אמן אויף די ברכות וואס מ'בעט אין זיי אויף די גאולה.

אין לי עסק בנסתרות, אבער איך בין פארזיכערט אז די רעוואלוציע פון 'בני אמונים' וואס איז אינגאנצן געווידמעט צו פארשטארקן דאס ענטפערן 'אמן' אין אונזער דור - די דור פון עקבתא דמשיחא, איז איינס פון די שטארקע סימנים אויף די גאולה וואס דערנענטערט זיך, ווייל אזוי זאגן דאך די חכמים (תנחומא בשלח י): "אין הגלויות עתידות להיגאל אלא בשכר אמנה". אזוי ווי מרן בעל 'שבט הלוי' זיע"א וואס האט באגלייט די אקטיוויטעטן פון 'בני אמונים' פון דער טאג וואס מ'האט עס געגרינדערט, האט זיך אויסגעדרוקט ביי א דרשה ביים ערשטן צוזאמקום פון 'בני אמונים' אויף חיזוק פון ענטפערן 'אמן' וואס איז פארגעקומען אין חודש אלול תש"ע.

"אט דער גרויסער תיקון, מחזק זיין דאס ענטפערן אמן, האט אין זיך א געוואלדיגע זכיה, און דאס איז א הכנה לקראת משיח צדקינו, ווייל מיט דעם געבט מען א נייע געלעגנהייט פון אננעמען די געטליכקייט און אמונה אין כלל ישראל".

אין די ספעציעלע שבת גייט פון דא ארויס דער רוף אריין אין די הערצער פון די צענדליגער טויזנטער ליינער: לאמיר זיך אלע מחזק זיין מיט ענטפערן אמן בכוונה אויף יעדע ברכה וואס ווערט געהערט אין אונזער געגנט, אזוי וועלן מיר א גאנצע צייט אויסרופן אונזער שטארקע אמונה אז הקדוש ברוך איז 'א-ל מלך נאמן', און מיר וועלן זוכה זיין בקרוב זען ווי עס ווערט מקויים די ברכה: "בונה ברחמיו ירושלים, אמן".

א גוט שבת, אידן 'בני אמונים'!

יעקב דוב מארמארשטיין

# 'וכל מאמינים שאני חי וקיים'

די רירנעדע געשיכטע וואס איז דא פאר אייך, איז געשיקט געווארן צו אונז דורך דער בעל המעשה נאנט צו דער צייט פון די פאסירונג, אין די צייט וואס דער התרגשות פונעם שרייבער פון דעם נס וואס איז געשען מיט אים, איז נאך אין פולן קראפט, און אזוי שרייבט ער צו אונז אין זיין בריוו:

איך וואוין אין ירושלים עיר הקודש שוין אסאך יארן, און אין די לעצטערע יארן בין איך זוכה צו זיין פון די קביעות'דיגע מתפללים ביים כותל המערבי. איך וויל ענק מיטטיילן מיט מיין פערזענליכע געשיכטע וואס א טייל פון די איינצעלהייטן ווייסן ענק זיכער, אבער דער טייל וואס איז פארבינדן מיט מיר וועל איך יעצט אנטפלעקן צום ערשטן מאל, און באלד וועלן ענק פארשטיין פארוואס פונקט פאר אייך...

צום ערשט וויל איך זאגן, אז ביז עטליכע טעג האב איך ליידער נישט געוואוסט פון ענקערע גרויסע אקטיוויטעטן, אבער יעצט איז עס מיטאמאל געווארן א טייל פון מיין לעבן, און עס קען זיין אז איך בין פאר דעם - שולדיג מיין לעבן.

אלעס האט זיך אנגעהויבן פאר ארום פינף יאר, איך בין אנגענומען געווארן אין א געוויסע ארבעט אין א אפיס וואס געפונט זיך אין עק פונעם אידישן קווארטל, וויבאלד איך האב געמוזט אנקומען אין אפיס אין א פריה צייט, האב איך באשלאסן צוקומען אינעם אידישן קווארטל מיט א שעה פריער, אנהייבן דעם טאג מיט דאווענען שחרית אין דער פלאץ וואו די שכינה איז פון דארט קיינמאל נישט אוועק.

פון דעמאלטס ביזן היינטיגן טאג בין איך זוכה דאווענען שחרית א גאנצע וואך אין א קביעות'דיגן מנין וואס קומט פאר ביים כותל, און אויך אין די טעג וואס איך ארבעט נישט בין איך נישט מוותר אויף די זכות, און איך קום ספעציעל דאווענען מיט דער מנין. די אייגנארטיקייט פון דעם מנין איז ווייל דער 'הארטער קערל' פון די מתפללים זענען קביעות'דיג, און לעבן באחדות זיי ווי גוטע פריינד, באטייליגן זיך ביי די שמחות איינעם ביים צווייטן.

דאס איז געווען זונטאג אינדערפרי י"ז כסלו. צוליב דעם וואס א נאכט פריער האט דער מנהל פון די אפיס געבעטן איך זאל דעם טאג עפענען דעם ביורא פריער פון געווענליך, דעריבער גלייך נאכן דאווענען האב איך זיך געאיילט ארויסגיין פון כותל מערבי צו די ריכטונג פון אלט-שטאט כדי איך זאל קענען עפענען די אפיס אין די באשטימטע צייט.

איין מינוט איידער איך האב פארלאזט דעם כותל איז פלוצלינג צוגעקומען צו מיר א איד און געבעטן איך זאל ווארטן עטליכע מינוט כדי צו ענטפערן 'אמן' נאך די 'ברכות השחר'. איך האב זיך זייער געאיילט אבער עפעס אין זיין אויגן בליק וואס האט געוויזן פענסטקייט און געבעט, האט מיך נישט געלאזט אפזאגן זיין בקשה.

כאטש איך בין פון נאטור זייער א מסודר'דיגער מענטש, און דער זייגער וואס האט געוויזן אז איך וועל שפעטיגן ביים עפענען די אפיס האט מיר צוגעברענגט צו א אינערליכער דרוק, פונדעסטוועגן האב איך זיך געטראפן שטיין און הערן מיט געדולד צו די ברכות פון דעם מענטש וואס זענען געזאגט געווארן געלאסן און מיט אסאך כוונה, ווארט נאך ווארט 'כמונה מעות'.

ווי נאר איך האב געענדיגט ענטפערן 'אמן' נאך די ברכה פון 'הגומל חסדים טובים', בין איך געלאפן צו די ארויסגאנג פונעם כותל. איך האב נאר אנגעיאגט הערן פון דערווייטנס ווי דער מענטש באדאנקט זיך פאר מיר...

איך בין שנעל אראפגעלאפן די טרעפ וואס פירן צום אלט-שטאט און ווען איך האב זיך אויסגעדרייט צו דעם אידישן קווארטל האב איך זיך דערשראקן צו הערן קולות פון שיסערייי און גלייך נאך זיי געשרייען 'ראטעוועט'. אין לויף פון איין איינציגע מינוט וואס האט אויסגעזען אויף אייביג, האבן זיך געהערט קולות פון שיסערייען און געשרייען אין דעם שמאלן געסל, און די שרעק איז געווען געפערליך.



דער פלאץ וואו הק' אליהו קיי ז"ל איז דערמארדערט געווארן, הי"ד

די עטליכע מענטשן וואס זענען געווען אין דער געגנט, און איך צווישן זיי האבן אנגעהויבן שרייען פון גרויס פאניק, און צוריק געלאפן צו די ריכטונג פון כותל. עס איז שווער צו שילדערן מיט ווערטער די אטמאספער, אטמאספער פון טויט שרעק, פשוטו כמשמעו.

אין די זעלבע צייט זענען געקומען צו פליען אסאך זיכערהייט און הצלה קרעפטן, און עטליכע מינוט שפעטער איז כלל ישראל אינפארמירט געווארן איבער נאך א ברוטאלער אטאקע, ווען די הייליגע ערד איז ווידער אנגעזאפט געווארן מיט אידיש בלוט, הי"ד.

די אומקלארע נייעס איז צובייסלעך קלאר געווארן, ווען מען האט זיך דערוואוסט אז איינער פון די איבערגעגעבענע ארבערטער פון 'קרן הכותל המערבי', אליהו קיי הי"ד, איז דערשאסן געווארן צום טויט דורך א נידריגן מערדער און איז אומגעקומען פון זיינע וואונדן, און נאך צוויי אידן זענען פארוואונדעט געווארן.

אין א שנעלן חשבון וואס איך האב געמאכט פאר מיר אליין, האב איך איינגעזעהן אז אויב וואלט אלעס געווען ווי פלאנירט, איז זייער מעגליך אז איך וואלט געווען איינער פון די קרבנות פון די אטאקע. ווען איך וואלט זיך נישט אויפגעהאלטן די צוויי מינוט צו ענטפערן אמן אויף די ברכות השחר פון יענעם 'מלאך' וואס איז מיך געקומען ראטעווען, וואלט איך אריבער אין די ארט פון דער שרעקליכער אטאקע פונקט אין דער זעלבער צייט וואס איז פארגעקומען.

צוליב די שרעק וואס האט מיך ארום גענומען, פארשטייט זיך אז איך בין נישט געגאנגען ארבעטן יענעם טאג, אויך אין די טעג שפעטער בין איך נאך געווען אונטער די שרעק. אבער צומארגנ'ס, י"ח כסלו, בין איך אויפגעשטאנען מיט א באשלוס אז איך וועל נישט לאזן יענעם נידריגן רוצח שעדיגן נאך א נפש, איך האב געוואוסט אז אויב איך וועל זיך נישט שטארקן אויף די שרעק און ציטער וועל איך שפעטער האבן נאך מער שוועריקייטן. איך האב זיך געשטארקט אויף די שרעק און איך בין געגאנגען דאווענען ביי מיין קביעות'דיגן מנין, ביים כותל המערבי. איך בין געגאנגען צום כותל אויף א אומוועג, אבער פון דעסוועגן א גאנצע וועג האט מיין הארץ געקלאפט פון שרעק.

אויפן וועג צו די ריכטונג פון כותל, האב איך צו מיר געטראכט ווי אזוי קען איך אויסדריקן די געפילן פון דאנקבארקייט וואס איך פיל צום באשעפער. אינצווישן בין איך אנגעקומען נאנט צום כותל, און אין דעם מאמענט בין איך דערשטוינט געווארן צו זען דעם נעכטיגן 'מלאך' וואס איז געווען דער שליח פון הימל צו ראטעווען מיין לעבן.

איך האב אין דעם געזען א צייכן פון הימל אז דאס בעסטע איז אז איך זאל זיך מחזק זיין אין אט דער ענין וואס דורך דעם איז מיין לעבן געראטעוועט געווארן.

דאס מאל האב איך נישט געווארט ביז ער וועט צוקומען צו מיר, איך בין צו אים צוגעגאנגען פון זיך אליין און געפרעגט מיט א ברען: "אפשר ווילסטו אז איך זאל ענטפערן אמן אויף דיינע ברכות?" אבער דער מענטש האט געשמייכלט א ברייטע שמייכל און געזאגט: "היינט האב איך שוין געזאגט מיט א צווייטן, אבער איך וואלט זיך געפריידט צו הערן די ברכות פון דיר און ענטפערן אמן...".

דערנאך וואס איך האב געענדיגט זאגן די ברכות האב איך זיך נישט געקענט איינהאלטן און איך האב זיך אינטערעסירט אין דער מקור פון דער מנהג?", אנשטאט א ענטפער האט ער ארויסגענומען א פארקנייטשטע קאלירטע צעטל פון זיין טלית-בייטל און מיר געזאגט:

"דער מקור פון דער מנהג טרעפן מיר אין חז"ל און אין ספרי הלכה, אבער דער מקור וואס צוליב דעם בין איך נתעורר געווארן אויף דעם איז דער וואונדערליכער גליון; דער בלעטל 'וכל מאמינים'!!!".

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## זאגן ברכות השחר בחברותא

### די מקור פון די ברכה

די חכמים (תיקו"ז חדש ח"ב דף פד א) זאגן אז יעדער מענטש מוז יעדן טאג ענטפערן צום ווייניגסטנ'ס ניינציג אמנים אויף ברכות [אויסער די אמנים וואס מען ענטפערט אויף קדיש (שו"ת הרמ"ע מפאנו סי' קט)], און די פוסקים ברענגען עס אזוי אראפ ('מגן אברהם ו ט; שו"ע הרב שם ט; 'משנה ברורה' שם יג).

כדי צו קענען אנקומען יעדן טאג צו די ציפער פון ניינציג אמנים אויף ברכות פירן זיך אסאך צו זאגן ברכות השחר אין שול מיט א 'חברותא' אויף דעם וועג; איינער זאגט די ברכות און די אנדערע ענטפערן אמן, נאכדעם שטעלט זיך א אנדערער זאגן די ברכות, און די ארומיגע ענטפערן אמן, און אזוי טוט די גאנצע גרופע איינער נאכן אנדערן (שו"ע או"ח ו ד. וראה משנ"ב שם יג). דער חיד"א ('ברכי יוסף' או"ח תרעז ב) זאגט עדות אויף דער מנהג: "וכידוע נתפשט המנהג בכרכים ועיירות גדולות".

קלארע דיבורים אין דער ענין האט געזאגט בעל 'שבט הלוי' אין איינע פון די צוזאמקומען פון 'בני אמונים': "עס איז א אור-אלטער אידישע מנהג צו זאגן אלע ברכות השחר בציבור, אויך די ברכות וואס זענען בעפאר די ברכה 'הנותן לשכוי בינה'. אלע אנוועזנדע זאגן די ברכות צוזאמען, ווען איינער זאגט און זיין חבר ענטפערט נאך אים אמן, און נאכדעם האבן זיי זיך געטוישט, און יעצט האט דער געזאגט די ברכות און דער אנדערער האט געענטפערט דערויף. דער מנהג איז פארגעסן געווארן אין די לעצטערע צייטן, און אונזער חשובער ידיד ר' יעקב דוב מארמארשטיין הי"ו, האט זוכה געווען אנהאלטן די עץ החיים פון זיין א מזכה הרבים, מיט זיינע אקטיוויטעטן צו מחזק זיין די מצוה פון ענטפערן אמן, און וויל צוריק אויפלעבן און גרינדן פון דאסניי דעם פריערדיגן מנהג, אין א בחי' פון (שבת קד א): "שכחום וחזרו ויסדום" (ספר 'בני אמונים' עמ' 227).

### די מעלות פון דער וואס זאגט די ברכות בחברותא

א. ער דערגרייכט יעדן טאג צו ניינציג אמנים אויף ברכות, אזוי ווי די סומע וואס די חכמים האבן באשטימט (זעה אין קאלום 'מקור המנהג').

ב. זיינע ברכות זענען מהודר און בשלימות, ווייל די פוסקים שרייבן אז ענטפערן אמן איז א חלק פון די ברכה, און איז משלים און מחשיב די ברכה (רמ"א קסז ב; 'משנה ברורה' שם ה). און עס איז באקאנט וואס עס שטייט אין זוהר (עקב רעא א), אז לכבוד א ברכה וואס איז געענטפערט געווארן מיט א אמן עפענען זיך אלע טויערן און מען רופט אויס: 'דאס איז די מתנה וואס יענער האט געשיקט פארן קעניג' (יסוד ושורש העבודה שער האשמורת פרק י).

ג. זיין תפילה ווערט אנגענומען. אין זוהר הקדוש (וילך רפה ב) שטייט אז אין זכות פון ענטפערן אמן ווערט די תפילה אנגענומען, און עס איז זיכער אז די ריכטיגסטע צייט צו פארמערן אמן'ס, איז פארן דאווענען, בשעת'ן זאגן די 'ברכות השחר'.

ד. אכטונג געבן אויף דער מנהג ברענגט צו דער מענטש זאל קומען פרי אין שול בעפאר די צייט פון דאווענען, און אט דער פאקט איז אויך משפיע אויף די אויסזען פון די גאנצע דאווענען.

ה. ער זאגט די ברכות געלאסן און שטייט. צענדליגער טויזנטער אידן וואס זענען זוכה מקפיד צו זיין אויף די מנהג זאגן אלע דאס זעלבע זאך, די ברכות וואס ווערן געזאגט פאר אנדערע זענען אינגאנצן אנדערשט פון די וואס ווערן געזאגט ביחידות, זיי ווערן געזאגט געלאסן, מיט כוונה און ריכטיג.

### דער שכר פון זאגן ברכות השחר בחברותא

אויסער די געוואלדיגע שכר וואס איז צוגעזאגט בזה ובבא פאר דער וואס איז מקפיד אויף ענטפערן אמן לויט די הלכה, טרעפן מיר אין אונזערע מקורות א באזונדערע שכר פאר די וואס זענען מקפיד ענטפערן אמן נאך ברכות השחר, און דורך דעם זענען זיי משלים די סכום פון ניינציג אמנים יעדן טאג:

א. דער מקובל **רבי אליעזר נחמן פואה**, א תלמיד פון הרמ"ע מפאנו, האט עדות געזאגט אז א פרוי האט געהערט פון א מזיק וואס איז געשיקט געווארן שעדיגן איר זון, אז ער קען נישט אויספירן זיין שליחות און אים שעדיגן, ווייל זי האט מקפיד געווען יענעם טאג ענטפערן ניינציג אמנים ('מדבר קדמות' [לחיד"א] מערכת א אות לג).

ב. די חכמים זאגן ('תנא דבי אליהו' רבה י): "אין וועמענ'ס זכות וועט הקדוש ברוך הוא באשטראפן די גוים? אין זכות פון 'בני אדם **שמשכימים** ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש **ועונים אמן**...'". פון דער לשון: "משכימים...ועונים אמן" לערנט ארויס דער 'באר משה' (שופטים עמ' קסה) אז דער שכר קומט אין זכות וואס מ'שטרענגט זיך אן און מען זוכט עס נאך, ווי זיין לשון איז: "והיינו שמשכים לבית המדרש, ומביא את עצמו לידי חיוב עניית אמן מפי המברכים".

### די צאל פון די דברים שבקדושה

אזוי שרייבט דער מקובל רבי משה זכות (ביאור הרמ"ז לזוהר וילך רפה א): די חכמים האבן באשטימט א טעגליכע ציפער אויף זאגן דברים שבקדושה, און דאס איז: 'צדי"ק' - צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים און ק' ברכות. כדי צו קענען אנקומען צו די צאל פון די קדושות, קדישים און ברכות דארף מען זיך נישט באזונדער אנשטרענגען, און יעדער וואס דאווענט דריי תפילות מיט מנין יעדן טאג, געוועגליך דערגרייכט ער צו די סומע וואס פארלאנגט זיך. אבער כדי צו קענען זאמלען ניינציג אמנים אויף ברכות דארף דער מענטש ווארטן און אפווארטן יעדע ברכה און אויך הערן ברכות השחר פון עטליכע מענטשן (אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין שו"ע או"ח ו ב). וועגן דעם שטייט (ישעיה כו ב): "צַדִּיק שֹׁמֵר אֱמֻנִים", ווייל פון אלע נומערן וואס זענען מרומז אין 'צדיק' נאר צו קענען ענטפערן אמן איז פאסיג דער לשון פון אפהיטן און ווארטן.

אין דער ענין פלעגט רבי שמשון דוד פינקוס צולייגן און זאגן: אויב פעלט פאר א מענטש איינע פון די זאכן וואס די חכמים האבן באשטימט צו זאגן, איז ער שוין נישט קיין צדיק! דאס איז נישט א ענין פון מער א אמן אדער ווייניגער א אמן, מיר האבן דא א געביידע 'צדיק', און אויב עס פעלט אונז איין אמן, איז דער גאנצע געביידע פעלעריג! אזוי ווי א מענטש וואס פעלט אים איין פינגער, איז נישט א 'מענטש' - ווייניגער א פינגער, נאר ער איז בגדר 'בעל מום' וואס פעלט אים אין די שלימות פון 'אדם', אזוי אויך א מענטש וואס האט נישט דערגרייכט די ציפער, איז זיין 'צדיק' נישט בשלימות ('נפש שמשון' על סידור התפילה עמ' קלח).

# אוצר הברכות

מאה ברכות אין די פרשה

"וַיּוּשַׁב אֶת מֹשֶׁה וְאֶת אַהֲרֹן אֶל פַּרְעֹה וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם לְכוּ עִבְדוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיכֶם מִי וָמִי הַהֹלְכִים; וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ בְּצֹאנֵנוּ וּבִבְקָרֵנוּ נֵלֵךְ כִּי חַג ה' לָנוּ"

פארוואס דאפלט די תורה: "מִי וָמִי"?

זאגט **רבי אליהו הכהן האיתמרי** בעל 'שבט מוסר':

צוויי מאל "מי" - איז בגימטריה "מאה"; פרעה האט גע'טענה'עט: אויב ענק ווילן דינען דעם אויבערשטן, דאווענען און לויבן, זאל גיין נאר די מענער וואס זענען מחוייב מיט: "מִי וָמִי" - דאס זענען די מאה ברכות, און די פרויען און קינדער וואס זענען פטור פון דער חיוב זאלן איבערבלייבן. האט משה אים געענטפערט, כאטש זיי זענען פטור פון די מאה ברכות, אבער "חג ה' לנו" און אלע דארפן עס פייערן.

'חוט של חסד'

### די וואס זענען מחוייב מיט 'מי ומי' זיי 'ההולכים'

להלכה: אין שו"ת 'שבט הלוי' (ח"ה סי' כג) און אין שו"ת 'תשובות והנהגות (ח"ב סי' קכט) איז גע'פסק'נט אז נשים זענען פטור פון דער חיוב פון זאגן מאה ברכות, אזוי ווי דער 'שבט מוסר' האלט, אבער אין ספר 'נוטרי ברכה' (עמ' פ) ברענגט ער אז בעל 'אילת השחר' און הגר"ח קנייבסקי האלטן אז אויך נשים זענען מחויב מיט זאגן די מאה ברכות.

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## די שכר פון אמן איז צען זהובים

### די שכר פון אמן איז כאטש ווי די שכר פון א ברכה

די חכמים זאגן (חולין פז א) אז די שכר פון יעדע ברכה איז צען זהובים, און דעריבער דער וואס כאפט אוועק א ברכה פון זיין חבר דארף אים באצאלן צען זהובים (און אזוי איז גע'פסק'נט אין שו"ע חו"מ שפב א).

רבינו תם טוט אויף (תוספות ב"ק צא ב ד"ה וחייבו) אז ווייל די חכמים זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך", דעריבער די שכר פון דער וואס ענטפערט אמן אויף א ברכה איז צום ווייניג'סטנס אזוי ווי דער מברך, קומט אויס אז אויך די שכר פון יעדע אמן איז צום ווייניג'סטנס צען זהובים. וועגן דעם פסק'נט ער אז איינער וואס מ'האט אים אויפגערופן צו די תורה און א אנדערער איז צוגעגאנגען עולה זיין אנשטאט אים, דארף ער נישט באצאלן פאר דעם וואס מ'האט אויפגערופן עולה זיין, ווייל דער וואס מען האט אים אויפגערופן וואלט געקענט ענטפערן אמן נאך די ברכות פון דער וואס האט עולה געווען, און דורך דעם דערלייגט ער נישט די שכר פון די זהובים וואס ער וואלט באקומען אויף די ברכות.

מ'דארף אנצייכענען אז ווייל די ווערד פון יעדע זהוב-רענדל איז פינעף און צוואנציג זוז, קומט אויס אז צען זהובים זענען צוויי הונדערט און פופציג זוז. די געוואלדיגע ווערד פון די סומע קענען מיר שאצן פון די פאקט אז אין די צייטן פון די גמרא האט א מענטש זיך געקענט שפייזן מיט צוויי הונדערט זוז א גאנצע יאר (ראה פאה ח ח ורע"ב שם).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

**לכבוד 'בני אמונים'**

אין עולם הישיבות איז איינגעפירט דער מנהג, אז יעדער חתן, בעפאר ער גרייט זיך גיין אונטער די חופה, געזעגנט ער זיך פון זיינע רבי'ס, חברים און באקאנטע, און שיקט פאר זיי דאנק-ווערטער און הכרת הטוב פאר יעדן וואס ער טראכט אז פון אים האט ער זוכה געווען צו באקומען דירעקט און אומדירעקט, סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות, אין אלע יארן וואס ער איז געשטיגן אין תורה און עבודת ה'.

אויך איך, שטייענדיג ערב מיין חתונה - מיין פריוואטער יום כיפור, איך זיץ און איך מאך א חשבון הנפש, ווען איך גיי צוריק אין מיינע זכרונות אויף די פריערדיגע יארן, איך בין זיך מתבונן מיט א צופרידנהייט וויפיל איך האב זיך פארבעסערט, אין וועלכע פונקטן בין איך געשטיגן, און פאר וועמען דארף איך מכיר טובה זיין...

יעצט קום איך מיט דער בריוו זיך באדאנקען פאר אייך 'בני אמונים' אויף די נצחיות'דיגע קנינים וואס ענק האבן איינגעפלאנצט אין מיר פון מיינע קינדערישע יארן ביז צו די ענדע פון מיינע בחור'ישע יארן. איך האב זיי איינגעקויפט צוביסלעך, נישט אין איין יאר און אויך נישט אין צוויי יאר, א טראפ נאך א טראפ האבן ענק איינגעבאקן אין מיר איך זאל וויסן די מציאות אז יעדע קליינע אמן איז אין אמת'ן א ריזיגע בריליאנט, א קליינע ווארט, אבער גרויס און חשוב אן קיין שאצונג.

מיטן אויבערשטנ'ס חסד בין איך זוכה גיין צו די חופה ווען צענדליגער טויזנטער אמן'ס וואס איך האב געזאמלט אין ענקער זכות באגלייטן מיר, און איך האב נישט קיין ספק אז זיי וועלן מיך באשטיין איך זאל זוכה זיין אויפשטעלן א בית נאמן לה' ולתורתו.

איך וועל ענדיגן מיט א ברכת הדיוט, יהי רצון אז די זכות פון די אומצאליגע אמן'ס וואס ענק האבן פארמערט אין כלל ישראל זאל ביישטיין פאר די אלע וואס געבן זיך אפ מיט די ארבעט, און באזונדער פאר וואס שטייט אין שפיץ פון די אלע אקטיוויטעטן דער געהויבענער גרינדער הר"ר יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א, ענק זאל ממשיך זיין צו קענען מזכה זיין די רבים לאורך ימים צוזאמען מיט א שפע פון הימל עד בלי די.

איינער וואס שעצט און רעספעקטירט

**א.ר - רכסים**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### דער 'שפת אמת'

### ה' שבט תרס"ה


דער בית המדרש פון 'שפת אמת' אין גער

דער 'שפת אמת' האדמו"ר רבי יהודה אריה לייב אלטער זי"ע, איז געבוירן געווארן כ"ט ניסן תר"ז אין די הויפט-שטאטווארשא, צו זיין פאטער רבי אברהם מרדכי דער זון פון 'חידושי הרי"מ'. אין עלטער פון צוויי יאר איז ער פאר'יתומ'ט געווארן פון זיין מוטער און זייענדיג אכט יאר אויך פון זיין גרויסן פאטער, און פון דעמאלטס איז ער אויפגעוואקסן און ערצויגן געווארן אויף די שויס פון זיין זיידן דער חידושי הרי"מ. נאך די פטירה פון 'חידושי הרי"מ' אין יאר תרכ"ו אין עלטער פון ניינצן יאר איז ער אויפגענומען געווארן צו זיין דער ממלא מקום צו דינען אלץ רב אין שטאט גער. פיר יאר שפעטער נאך די פטירה פון רבי העניך אלכסנדר האט ער אנגעהויבן פירן א רעביסטעווע. צענדליגער טויזנטער מענטשן זענען געפארן צו אים און זיך געפירט לויט זיין שיין. זיינע ספרים על התורה און ש"ס זענען אסאך מאל איבערגעדרוקט געווארן און ווערן געלערנט דורך צענדליגער טויזנטער אידן אין אלע דורות.

אין יאר תרס"ה האט אויסגעבראכן א מלחמה צווישן רוסלנאד און יאפאן, די רוסישער מיליטער האט איינגערוקט אין זייער מיליטער שווערע טויזנטער פולישע אידן, און צווישן זיי אסאך פון זיינע חסידים. דורכאויס די גאנצע מלחמה איז ער געשלאפן אויף די ערד ווען ער דעקט זיך צו מיט זיין מאנטל, און ווען ער פלעגט אויפשטיין איז דער מאנטל נאס געווען פון זיינע טרערן. דער שפת אמת איז נפטר געווארן ה' שבט תרס"ה און באערדיגט געווארן נעבן די קבר פון זיין זיידן אין די בית החיים אין שטעטלע גער.

### מאה ברכות – מאה שערים

די קדמונים ברענגען אז אין הימל זענען פארהאן 'מאה שערי ברכה', וואס עפענען זיך דורך זאגן 'מאה ברכות'. דער וואס איז מקפיד זאגן מאה ברכות יעדן טאג אזוי ווי תקנה פון די חכמים איז זוכה אז די טויערן עפענען זיך פאר אים און ווערט געבענטש מיט די מאה ברכות. א וואונדערליכן רמז אויף דער ענין ברענגט דער **'שפת אמת'**:

דער חיוב פון זאגן יעדן טאג מאה ברכות האבן די חכמים אוועקגעשטעלט (תנחומא קרח יב) אין פסוק (דברים י יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה...", ווען זיי דרש'ענען: 'אל תקרי 'מה' - אלא 'מאה''. אויף דעם וועג דארף מען אויך טייטשן דעם פסוק (תהלים לא כ): "מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ"; 'אל תקרי 'מה' - אלא 'מאה'', ד.מ.: דער ערליכער וואס איז מקפיד זאגן מאה ברכות אזוי ווי עס דארף צו זיין, איז זוכה עס זאל זיך עפענען פאר אים די מאה שערי ברכה ('שפת אמת' תולדות תרנ"ז).